**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/30/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט טור פון עטליכע אגענטורן צוזאמען אריבער קליינע ביזנעסער אריבער ניו יארק סטעיט צו פארבינדן ביזנעסער מיט וויכטיגע מיטלען און סערוויסעס**

***אנגעהויבן פון יוני 6, וועלן פארטרעטער פון די סטעיט זיך אפשטעלן אין יוטיקע, טראָי, באפעלאו און ראטשעסטער צו פארשטעלן סטעיט פראגראמען און סערוויסעס צו העלפן קליינע ביזנעסער מצליח זיין***

***א טייל פון די גאווערנער'ס אנגייענדע פארפליכטונג צו שטיצן ניו יארק'ס קליינע ביזנעס קאמיוניטי***

***ביזנעסער קענען זיך רעגיסטרירן זיך צו באטייליגן [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די אנהויב פון א נייע אונטערנעמונג צו ארבעטן צוזאמען מיט קליינע ביזנעסער, אנגעפירט דורך די ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט (New York State Department of Labor, NYSDOL), צו העלפן פארבינדן ביזנעסלייט מיט אומזיסטע שטיצע און סערוויסעס. אלץ טייל פון די גאווערנער'ס אנגייענדע פארפליכטונג צו די קריטישע עקאנאמישעביישטייערער, וועלן פארטרעטער פון די ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט, סטעיט דעפארטמענט, די שטייערן און פינאנץ דעפארטמענט (Department of Taxation and Finance), די ארבייטער פארגוטיגונג באורד (Workers' Compensation Board) און עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט וועלן אריבערגיין די גאנצע סטעיט צו גיבן וויכטיגע אינפארמאציע פאר קליינע ביזנעס אייגנטימער איבער לייסענסירונג, רעגולאציעס, שטייערן, גרענטס, טרעינירונג און מער.

"קליינע ביזנעסער זענען אין די הארץ פון ניו יארק'ס עקאנאמיע – שאפנדיג לאקאלע דזשאבס, אויפלעבנדיג געגנטער און צוזאמברענגענדיג קאמיוניטיס," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר זענען באגייסטערט צו ברענגען אומזיסטע מיטלען דירעקט צו קליינע ביזנעסער אריבער די סטעיט צו זיכער מאכן אז זיי באקומען די שטיצע וואס קומט זיך זיי."

**ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט קאמישאנער, ראבערטאָ ריערדאן, האט געזאגט,** "אונזערע קליינע ביזנעסער זענען די הארץ קלאפ פון קאמיוניטיס, און זיי שפילן א וויכטיגע ראלע אין אונזער עקאנאמיע. די ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט אפפערט א רייע פון אומזיסטע מיטלען וועלכע קענען העלפן קליינע ביזנעסער בלייבן מיט די מעגליכקייט צו קאנקורירן אויף די גלאבאלע מארקעט. איך מוטיג ביזנעסלייט זיך צו באטייליגן ביי איינס פון די סעסיעס צו לערנען מער איבער וויאזוי ניו יארק סטעיט קען אייך העלפן זיין ערפאלגרייך."

די טור האט סטאנציעס אין יוטיקע, טראָי, ראטשעסטער און באפעלאו, און עס איז טייל פון ניו יארק סטעיט'ס אונטערנעמונג צו פאראויס רוקן, שטיצן און פארשטערקערן קלענערע אפעראציעס וועלכע זענען פאר צו האבן א באדייטנדע עקאנאמישע השפעה אויף זייערע לאקאלע קאמיוניטיס.

**קליינע ביזנעס טור**

- דינסטאג, יוני 6, 8:30 אינדערפרי - מאוהאק וואלי קאמיוניטי קאלעדזש, Information Technology Center, יוטיקע
- דינסטאג, יוני 6, 5:30 אוונט - האדסאן וואלי קאמיוניטי קאלעדזש, Bulmer Telecommunications Center, טראָי
- דינסטאג, יוני 13, 8:30 אינדערפרי - Jacqueline Vito LoRusso Alumni & Visitor Center, 667 Grant Street, באפעלאו
- מיטוואך, יוני 14, 8:30 אינדערפרי - Rochester Educational Opportunity Center, 161 Chestnut Street, ראטשעסטער

קליינע ביזנעסער וועלכע זענען אינטערעסירט זיך צו באטייליגן קענען זיך רעגיסטרירן דורך די קליינע ביזנעס טור רעגיסטראציע בויגן.

די NYSDOL אפפערט עטליכע סערוויסעס צו שטיצן ביזנעסער פון יעדע מאס אריבער ניו יארק סטעיט. אירע ביזנעס סערוויסעס פארטרעטער ארבעטן מיט ביזנעסלייט צו שאפן אייגנארטיגע צוגעפאסטע לייזונגען צו העלפן נאכקומען זייערע ביזנעס ציהלן. די דעפארטמענט אפפערט אויך אומזיסטע היומען ריסאָרסעס סערוויס קאנסאלטעישענס און העלפט ארויס מיטן רעקרוטירן ארבייטער צו העלפן ארבעטסגעבער טרעפן פעהיגע ארבייטער. די NYSDOL אפפערט הדרכה איבער באלוינונגען, טעקס קרעדיטס און פינאנצירונג פארן אויפנעמען ארבייטער וועלכע קענען העלפן ארבעטסגעבער רעדוצירן קאסטן.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָפּ נייט, האט געזאגט,** "שטיצן די וואוקס פון קליינע ביזנעסער איז אין די הארץ פון אונזער מיסיע ביי עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, און מיר זענען באגייסטערט זיך צו אנשליסן אין די אונטערנעמונג צווישן מערערע אגענטורן צו פארשטעלן אלע מיטלען און סערוויסעס וואס מיר אפפערן זיי צו העלפן בליהען. קליינע ביזנעסער זענען די בלוט אין די אדערן פון די ניו יארק סטעיט עקאנאמיע, און זייער הצלחה איז אונזער הצלחה."

**ניו יארק סעקרעטערי אָוו סטעיט, ראבערט דזש. ראדריגעז, האט געזאגט,** "די סטעיט דעפארטמענט איז שטאלץ צו ארייגנגיין אין א שותפות מיט אונזערע שותפות'דיגע אגענטורן ביים ברענגען רעגירונג מיטלען גראד צו די מענטשן פון ניו יארק. אונזערע לייסענסירונג און קארפארעישענס דיוויזיעס גיבן געלעגנהייטן און מיטלען פאר אונזערע קליינע ביזנעסער זיי צו ערמעגליכן צו וואקסן בשעת'ן אויך ביישטייערן צו אונזער עקאנאמיע."

**ניו יארק סטעיט ארבייטער פארגוטיגונג באורד פארזיצערין, קלאריסע מ. ראדריגעז, האט געזאגט,** "די באורד איז איבערגעגעבן צו העלפן ניו יארק'ס קליינע ביזנעסער מצליח זיין דורכן זיי אויפקלערן איבער זייערע רעכטן און פאראנטווארטליכקייטן אונטער דעם 'ארבייטער פארגוטיגונג געזעץ' און זיי שטיצן אויב פראבלעמען קומען ארויף. מיר זענען שטאלץ צו האבן די געלעגנהייט צו ארבעטן צוזאמען מיט אנדערע סטעיט אגענטורן צו פארזיכערן אז קליינע ביזנעסער האבן די כלים און אינפארמאציע וואס זיי דארפן צו קענען בליהען."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון שטייערן און פינאנץ צייטווייליגע קאמישאנער, אמענדע הילער, האט געזאגט,** "ביי די שטייערן דעפארטמענט, ווילן מיר זיכער מאכן אז קליינע ביזנעס אייגנטימער

וועלכע זענען אזעלכע וויכטיגע שפילער אין אונזער עקאנאמיע האבן די מעגליכקייט צו קאנקורירן אויף דעם גלאבאלן פעלד, און דערפאר שטרעבן מיר צו זיכער מאכן אז אויספאלגן שטייער פאדערונגען איז די מערסטע איינפאך וואס מעגליך."

גאווערנער האקול זעצט פאר צו שטיצן אינציאטיוון וועלכע זענען אויסגעשטעלט צו מאכן ניו יארק די מערסטע ארבייטער-פריינטליכע און קליינע ביזנעס-פריינטליכע סטעיט אין דעם לאנד. די גאווערנער האט אינוועסטירט מער פון 1 ביליאן דאלאר צו שטיצן ניו יארק'ס קליינע ביזנעס קאמיוניטי און צו פארשנעלערן די סטעיט'ס ערהוילונג פון די פאנדעמיע, אריינרעכענענדיג דעם 800 מיליאן דאלארדיגן קאוויד-19 פאנדעמיע קליינע ביזנעסער ערהוילונג גרענט פראגראם ( COVID-19 Pandemic Small Business Recovery Grant Program), דעם 200 מיליאן דאלארדיגן אינוועסטירונג גרענט פראגראם (Seed Funding Grant Program) און די 550 מיליאן דאלארדיגע פעדעראלע סטעיט קליינע ביזנעס קרעדיט אינציאטיוו. די גאווערנער האט אויך פארזיכערט נאך 1 ביליאן דאלאר אין פינאנצירונג צו אינוועסטירן אין לאקאלע עקאנאמיעס אלץ טייל פון די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024, אריינרעכענענדיג 225 מיליאן דאלאר אין גרענט פינאנצירונג און טעקס קרעדיטס פאר די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס (Regional Economic Development Councils) – מיט 100 מיליאן דאלאר פאר יעדע איינע צו פינאנצירן נאך א יאר פון דעם שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו (Downtown Revitalization Initiative) און NY Forward – 50 מיליאן דאלאר פאר די ברענג צוריק' ניו יארק' קאמיוניטיס אינציאטיוו (RESTORE New York Communities Initiative), 400 מיליאן דאלאר פאר די NYWORKS עקאנאמישע אנטוויקלונג קאסע און כמעט 200 מיליאן דאלאר פאר פראיעקטן וועלכע שטיצן קאמיוניטי וואוקס און בארייכערונג.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418